בעזרת השם יתברך

# סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת

גליון

## פאר'ן שבת טיש

פרשת
חקת
ט תמוז שנת תשפ"א
לפ"ק

שנה 2, גליון 28
(43)



ארויסגעגעבן דורך מוסדות היכל הקודש ברסלב

שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת שְׁלַח, מְבָרְכִים חוֹדֶשׁ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן, אִיז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעוֶוען אִין וִוילְיַאמְסְבּוּרְג יע"א; אִינְדֶערְפְרִי נָאכְ'ן דַאוֶונֶען בַּיים 'קִידּוּשָׁא רַבָּא' הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען דֶעם שִׁיעוּר אִין סֵפֶר הַקָּדוֹשׁ 'סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת', מַעֲשֶׂה ט, מֵחָכָם וְתָּם.

דֶערְצֵיילְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי וַוייטֶער:

דֶער וַוייל הָאט מֶען דֶערְלַאנְגְט צוּם מֶלֶךְ מְסִירוֹת אוֹיף דֶעם גוּבִּירְנִיר. בַּאֲשֶׁר עֶר טוּט פַּאלְטְשְׁקֵייט. הָאט דֶער מֶלֶךְ אִים מַעֲבִיר גִיוֶועְן (כְּלוֹמַר אָפּ גִיזֶעצְט) הָאט זִיךְ דֶער מֶלֶךְ מְיַישֵּׁב גִיוֶוען. סֶע אִיז גוּט אַז סֶע זָאל זַיין אַ גוּבִּירְנִיר אַ פְּרָאסְטִי מֶענְטְשׁ דְהַיְינוּ אַ תַּם. וָוארִין אַ תַּם וֶועט פִירִין דִי מְדִינָה מִיט אֱמֶת אוּן מִיט יוֹשֶׁר. מַחְמַת עֶר וֵוייסְט נִיט קֵיין חָכְמוֹת אוּן קֵיין הַמְצָאוֹת.

וָואס דַארְף מֶען זַיין צוּ קֶענֶען זַיין אַ גָאוֶוערְנֶער, וָואס דַארְף מֶען זַיין צוּ קֶענֶען פִירְן אַ מְדִינָה, גָארְנִישְׁט; אֵיין זַאךְ דַארְף מֶען הָאבְּן 'תְּמִימוּת', אַזוֹי קֶען מֶען פִירְן דֶעם מְדִינָה מִיט אַן אֱמֶת אוּן מִיט יוֹשֶׁר.

אַזוֹי אוֹיךְ אִיז עֶס לְגַבֵּי פִירְן אַ שְׁטוּבּ; וָואס דַארְפְן טַאטֶע מַאמֶע זַיין צוּ קֶענֶען פִירְן אַ שְׁטוּבּ, צוּ קֶענֶען אוֹיפְצִיעֶן קִינְדֶער, מֶען דַארְף גָארְנִישְׁט הָאבְּן דֶערְפַאר, אֵיין זַאךְ דַארְף מֶען הָאבְּן 'תְּמִימוּת', זִיךְ פִירְן פָּשׁוּט מִיט אֱמֶת אוּן יוֹשֶׁר.

אִיז דֶעם מֶלֶךְ גִיפֶעלִין אַז עֶר זָאל מַאכִין דֶעם תַּם (דְהַיְינוּ דֶער תַּם וָואס עֶר אִיז דֶער חָבֵר פוּן דֶעם חָכָם וָואס דֶער מֶלֶךְ הָאט נָאךְ אִים גִישִׁיקְט) פַאר אַ גוּבִּירְנִיר. הָאט דֶער מֶלֶךְ גִישִׁיקְט אֵיין אוּקַאז. אַז דֶער תַּם וָואס עֶר הָאט נָאךְ אִים גִישִׁיקְט. זָאל עֶר וֶוערִין גוּבִּבִּירְנִיר. אוּן דֶער תַּם מוּז פָארִין דוּרְךְ דֶער שְׁטָאט פוּן דֶער גוּבִּירְנְיָא. בְּכֵן זָאל מֶען זִיךְ שְׁטֶעלִין אוֹיף דִי טוֹיעְרִין פוּן דֶער שְׁטָאט. אַז תֵּיכֶּף ווִי דֶער תַּם וֶועט אָן קוּמֶען. זָאל מֶען אִים פַארְהַאלְטְן. אוּן מֶען זָאל אִים אָפְּגֶעבִּין דִי טְשִׁין אַז עֶר זָאל זַיין גוּבִּירְנִיר. הָאט מֶען אַזוֹי גִיטָאן. אוּן מֶען אִיז גִישְׁטַאנֶען אוֹיף דִי טוֹיעְרִין אוּן תֵּיכֶּף ווִי עֶר אִיז דוּרְךְ גִיפָארִין. הָאט מֶען אִים פַארְהַאלְטְן. אוּן מֶען הָאט אִים גִיזָאגְט אַז עֶר אִיז גִיוָוארִין גוּבִּירְנִיר. הָאט עֶר גִיפְרֶעגְט. נָאר אָן לֵיצָנוּת. הָאט מֶען אִים גִיעֶנְפֶערְט. אַוַודַאי אָן שׁוּם לֵיצָנוּת. אִיז דֶער תַּם גִיוָוארִין תֵּיכֶף גוּבִּירְנִיר בְּתוֹקֶף וָעוֹז.

דֶער תַּם הָאט גֶעפְרֶעגְט: "נָאר אָן לֵיצָנוּת?" - וַוייל פוּן דֶעם

<<<

## חִינּוּךְ ווִינְקֶל

### הֶערְלִיכֶע חִיזּוּק פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, בַּיים טֶעגְלִיכְן שִׁיעוּר אִין תַּלְמוּד בַּבְלִי

### מַסֶּכֶת יוֹמָא דַף ה

בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ לֶערְנֶען אַ דַף גְמָרָא.

### שְׁמִירַת עֵינַיִם

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט פְּרֶעגְט: "אוֹיף וָואס דַארְפְט עֶטְץ חִיזּוּק? הָאט אֵיינֶער פוּן דִי תַּלְמִידִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אוֹיף שְׁמִירַת עֵינַיִם"; אִיז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אַרַיין אִין אַ הֶערְלִיכֶע שְׁמוּעֶס פוּן חִיזּוּק אוֹיף 'שְׁמִירַת עֵינַיִם'.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת רְאִיָּה, חֵלֶק ב', סִימָן ט): "כְּשֶׁאָדָם יוֹצֵא לַשּׁוּק וּמִתְיָרֵא שֶׁלֹּא יָבוֹא לִידֵי הִרְהוּר עַל יְדֵי הָרְאִיָּה שֶׁיִּרְאֶה נָשִׁים יָפוֹת, יֹאמַר הַפָּסוּק "הֵן אֶרְאֶלָּם צָעֲקוּ חוּצָה" וְכוּ', וְעַל יְדֵי זֶה יִנָּצֵל מֵרְאוֹת", אוֹיבּ מֶען הָאט מוֹרָא אַז מֶען וֶועט נִכְשָׁל וֶוערְן וֶוען מֶען גֵייט אִין גַאס מִיט רְאִיּוֹת אֲסוּרוֹת זָאל מֶען זָאגְן פַאר מֶען גֵייט אַרוֹיס פוּן שְׁטוּבּ דֶעם פָּסוּק (יְשַׁעְיָהוּ לג, ז): "הֵן אֶרְאֶלָּם צָעֲקוּ חֻצָה, מַלְאֲכֵי שָׁלוֹם מַר יִבְכָּיוּן", דוּרְךְ דֶעם וֶועט עֶר גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן. אַזוֹי פִירְן זִיךְ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חֲסִידִים, וֶוען זֵיי גֵייעֶן אַרוֹיס פוּן שְׁטוּבּ, בְּשַׁעַת מֶען קִישְׁט דִי מְזוּזָה אוּן מֶען הַאלְט דִי הַאנְט אוֹיפְ'ן מְזוּזָה זָאגְט מֶען דֶעם פָּסוּק: "הֵן אֶרְאֶלָּם צָעֲקוּ חֻצָה, מַלְאֲכֵי שָׁלוֹם מַר יִבְכָּיוּן", אוּן מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל זִיךְ קֶענֶען הִיטְן דִי אוֹיגְן אִין גַאס.

עֶס אִיז אַ גְרִינְגֶע זַאךְ זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען דָאס צוּ זָאגְן, אַז דוּ וֶועסְט זָאגְן 'תִּיקּוּן חֲצוֹת' וֶועסְטוּ קֶענֶען דֶעם פָּסוּק אוֹיסֶענְוֵוייניג, דָאס זָאגְט מֶען אִין תִּיקּוּן רָחֵל. זַייט אִיךְ הָאבּ דָאס גֶעזֶען דֶעם עֶרְשְׁטְן מָאל אִין סֵפֶר הַמִּדּוֹת הָאבּ אִיךְ זִיךְ דָאס צוּגֶעוואוֹינְט צוּ זָאגְן.

נָאךְ זָאגְט דֶער רֶבִּי (סֵפֶר הַמִּידּוֹת אוֹת נִיאוּף, חֵלֶק ב', סִימָן יד; אוֹת רְאִיָּה, סִימָן ח): "מִי שֶׁעוֹצֵם עֵינָיו מֵרְאוֹת בְּרָע, עַל יְדֵי זֶה נִצּוֹל מִבִּזְיוֹנוֹת", וֶוער עֶס הִיט זִיךְ זַיינֶע אוֹיגְן, עֶר קוּקְט נִישְׁט קַיין שְׁלֶעכְטְס - דוּרְכְדֶעם וֶוערְט עֶר גֶערַאטֶעוֶועט פוּן בִּזְיוֹנוֹת; קֵיינֶער וִויל נִישְׁט הָאבְּן קַיין בִּזְיוֹנוֹת - דֶערְפַאר קוּק אַרָאפּ אוֹיף דֶער עֶרְד, וֶועסְטוּ נִישְׁט נִכְשָׁל וֶוערְן אִין קַיין שְׁלֶעכְטֶע קוּק.

### קִינְדֶער אוּן בָּחוּרִים

טֵייעֶרֶע קִינְדֶער אוּן בָּחוּרִים, עֶטְץ זָאלְט ווִיסְן, וָואס מֶען טוּט אִין דִי יוּנְגֶע יָארְן, אַזוֹי וֶוערְט מֶען צוּגֶעוואוֹינְט אוֹיפְ'ן גַאנְצְן לֶעבְּן, דָאס וֶוערְט אַ צוּגֶעוואוֹינְטֶע וֶועג אִין לֶעבְּן; אַז מֶען גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ גֵייעֶנְדִיג אִין גַאס אַרָאפְּצוּקוּקְן אוֹיף דֶער עֶרְד - דַארְף מֶען שׁוֹין נִישְׁט אַרְבֶּעטְן שְׁוֶוער אִין דִי שְׁפֶּעטֶערֶע יָארְן דָאס צוּ טוּן, דָאס אִיז שׁוֹין גֶעוָוארְן מַיין וֶועג אִין לֶעבְּן, דִי גַאנְצֶע זַאךְ פוּן אָפְּהִיטְן דִי

הָאט זִיךְ דֶער תַּם זַייעֶר גֶעהִיטְן, דֶער תַּם הָאט זִיךְ זַייעֶר גֶעהִיטְן פוּן דִי מִינְדֶעסְטֶע לֵיצָנוּת.

אוּן הַיינְט אַז דָאס מַזָל הָאט זִיךְ אִים שׁוֹין אוֹיף גִיהוֹיבְּן. אוּן מַזָל מַחְכִּים (דְהַיינוּ דָאס מַזָל מַאכְט קְלוּג) הָאט עֶר שׁוֹין גִיקְרִיגְן אַבִּיסְל הַבָנָה (דְהַיינוּ פַארְשְׁטַאנְד) פוּן דֶעסְט וֶועגְן פָארְט הָאט עֶר גָאר נִיט גִינוּצְט מִיט זַיין חָכְמָה. נָאר עֶר הָאט זִיךְ גִיפִירְט מִיט זַיין תְּמִימוּת אַזוֹי וִוי פְרִיר.

דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע חָכְמָה, אֲפִילוּ מֶען קוּמְט שׁוֹין אָן צוּ אַ מַדְרֵיגָה, מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ פַארְשְׁטַאנְד, דָאךְ זָאל מֶען זִיךְ נָאכְאַלְץ אַיינְבֵּייגְן דֶעם קָאפּ בִּתְמִימוּת אוּן פָאלְגְן דֶעם צַדִיק.

אֵיין חָכְמָה דַארְף מֶען הָאבְּן אִין לֶעבְּן - אַוֶועק צוּ וַוארְפְן דֶעם שֵׂכֶל, אַוֶועק צוּ וַוארְפְן אַלֶע חָכְמוֹת פוּן זִיךְ אוּן לֶעבְּן בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן.

אוּן עֶר הָאט גִיפִירְט דִי מְדִינָה מִיט תְּמִימוּת מִיט אֶמֶת. אוּן מִיט יוֹשֶׁר. אוּן עֶר הָאט קֵיין שׁוּם פַאלְטְשְׁקֵייט אוּן קֵיין עַוְלָה נִיט גִיטָאן קֵיינֶעם. אוּן אוֹיף פִירִיכְץ פוּן אַ מְדִינָה. בַּאדַארְף מֶען קֵיין גְרוֹיסְן שֵׂכֶל אוּן קֵיין חָכְמוֹת נִיט. נָאר יוֹשֶׁר אוּן תְּמִימוּת.

## אוֹיף וָואס קוּקְט מֶען בַּיי אַ שִׁידוּךְ?

אִיךְ דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ טְרֶעפְן אַ שִׁידוּךְ פַאר מַיין טָאכְטֶער תְּחִיֶ', מִיט אַ טֵייעֶרֶער בָּחוּר, אַ חָשׁוּבְ'עֶר תַּלְמִיד הַיְשִׁיבָה גֵרוֹ יָאִיר.

יֶעדֶעס מָאל מֶען אִיז גֶעקוּמֶען צוּ מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה פְרֶעגְן 'אוֹיף וָואס זָאל מֶען זִיךְ נָאכְפְרֶעגְן אוֹיף אַ בָּחוּר אוֹיבּ מֶען זָאל אִים נֶעמֶען פַאר אַן אֵיידֶעם', פְלֶעגְט עֶר עֶנְטְפֶערְן מֶען זָאל קוּקְן אֵיין זַאךְ צִי דֶער בָּחוּר הָאט 'יִרְאַת שָׁמַיִם', מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט אַלְץ צוּלֵייגְן: "וִוי אַזוֹי קֶען מֶען דֶערְקֶענֶען אוֹיף אַ בָּחוּר צִי עֶר הָאט יִרְאַת שָׁמַיִם? מֶען זָאל נָאכְקוּקְן דֶעם בָּחוּר וִוי אַזוֹי עֶר דַאוֶוענְט"; אַ בָּחוּר מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם דַאוֶוענְט אִינֶעוֵוייניִג אִין אַ סִידוּר זִיצֶענְדִיג אוֹיף אֵיין פְּלַאץ, מַה שֶׁאֵין כֵּן אַ בָּחוּר וָואס הָאט נִישְׁט קַיין יִרְאַת שָׁמַיִם זֶעט מֶען גְלַייךְ וִוי אַזוֹי עֶר דַאוֶוענְט; עֶר דַאוֶוענְט אָן אַ סִידוּר, עֶר דְרֵייְדְט זִיךְ פוּן אֵיין פְּלַאץ צוּם צְוֵוייטְן, לוֹיפְט אַהִין אוּן צוּרִיק וְכוּ'. אַנְדֶערֶע זָאגְן נָאךְ פוּן מוֹהֲרָא"שׁ אַז עֶר הָאט גֶעזָאגְט מֶען זָאל קוּקְן צִי דֶער בָּחוּר הָאט גוּטֶע מִידוֹת'; מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעהַאלְטְן מֶען זָאל בְּעִיקָר קוּקְן אוֹיף דִי צְוֵויי זַאכְן, אוֹיף זַיין יִרְאַת שָׁמַיִם, וְוִיאַזוֹי עֶר דַאוֶוענְט, אוּן אוֹיף זַיינֶע מִדוֹת.

מֶען קֶען אוֹיךְ צוּלֵייגְן וָואס נָאךְ אִיז וִויכְטִיג צוּ קוּקְן, 'קוּק זַיין תְּמִימוּת אִין אֱמוּנַת צַדִיקִים!' אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פְרֶעגְן מִיר אַלְץ וֶוער אִיז אַ גוּטֶער בָּחוּר אוּן וֶוער נִישְׁט, זָאג אִיךְ, קוּק אֵיין זַאךְ צִי עֶר הָאט אֱמוּנַת חֲכָמִים, צִי עֶר אִיז צוּגֶעבִּינְדְן צוּם רֶבִּי'ן, צִי דֶער רֶבִּי אִיז זַיין לֶעבְּן; אַז דֶער בָּחוּר אִיז צוּגֶעבִּינְדְן צוּם רֶבִּי'ן, זַיין גַאנְצֶע חַיוּת אוּן לֶעבְּן אִיז פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וֶוען מֶען רֶעדְט פוּן מוֹהֲרָא"שׁ, מֶען לֶערְנְט אַ שְׁטִיקְל 'אֲשֶׁר בַּנַחַל' - אִיז דָאס בַּיי אִים חַיוּת, לֶעבְּן, דַאן אִיז עֶר אַ גוּטֶער בָּחוּר, אַלֶע אַנְדֶערֶע מַעֲלוֹת וֶועט עֶר שׁוֹין מִיט דִי צַייט צוּבַּאקוּמֶען, אַלֶעס וֶועט שׁוֹין מִמֵילָא נָאכְקוּמֶען.

דָאס אִיז דֶער נְקוּדָה וִוי אַזוֹי מֶען מֶעסְט אַ מֶענְטְשׁ לְגַבֵּי שִׁידוּכִים אוּן אַזוֹי אוֹיךְ לְגַבֵּי חֲבֵרִים; יֶעדֶער מֶענְטְשׁ מוּז זִיךְ דְרֵייעֶן מִיט גוּטֶע חֲבֵרִים, אַ גוּטֶער חַבֵר קֶען אַרוֹיפְבְּרֶענְגֶען דֶעם מֶענְטְשׁ צוּ דִי הֶעכְסְטֶע פְּלַאץ אוּן אַ שְׁלֶעכְטֶער חַבֵר קֶען חַס וְשָׁלוֹם דִיר אוּמְגְלִיקְלִיךְ מַאכְן דַיין לֶעבְּן, פוּן וואוּ קֶען מֶען וִויסְן צִי דֶער חַבֵר אִיז אַ גוּטֶער חַבֵר אָדֶער נִישְׁט? קוּק אֵיין זַאךְ: צִי עֶר הָאט אֱמוּנַת חֲכָמִים; אַלֶעס אַנְדֶערְשׁ, צִי עֶר הָאט אַ שֵׁיינֶע קַאר אָדֶער אַ חֲסִידִ'ישֶׁע קַאר... צִי עֶר הָאט לַאנְגֶע עֶרְמְל אָדֶער קוּרְצֶע עֶרְמְל, צִי עֶר גֵייט מִיט אַ גֶעהֶערִיגֶע הֶעמְד אָדֶער מִיט אַן אַרְבֶּעטְס הֶעמְד וְכַדוֹמֶה - דָאס מַאכְט נִישְׁט אוֹיס, נִישְׁט דוּרְךְ דֶעם דֶערְקֶענְט מֶען אַ מֶענְטְשׁ וָואס עֶר אִיז.

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז וֶוען מֶען זוּכְט אַ מֵיידְל דַארְף מֶען אוֹיךְ קוּקְן אוֹיף אִיר תְּמִימוּת אוּן יִרְאַת שָׁמַיִם. עֶס זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס קוּקְן צִי דִי מֵיידְל הָאט לֵייסֶענְס, צִי זִי הָאט אַ דִיפְּלָאם, זִי הָאט זִיךְ גֶעלֶערְנְט וִוי אַזוֹי צוּ אַרְבֶּעטְן מִיט נִישְׁט גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער וְכַדוֹמֶה; וָואס וֶועט דִיר דָאס צוּגֶעבְּן נָאךְ דִי חֲתוּנָה? וָואס וֶועט דִיר דָאס הֶעלְפְן אִין לֶעבְּן? קוּק אֵיין זַאךְ צִי זִי הָאט יִרְאַת שָׁמַיִם, צִי זִי אִיז עֶרְלִיךְ אוּן וואוֹיל, צִי זִי וִויל אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּב צוּזַאמֶען מִיט דִיר. דָאס מֵיינְט נִישְׁט צוּ זָאגְן, אוֹיבּ מֶען טְרָאגְט דִיר אָן אַ מֵיידְל וָואס הָאט זִיךְ גֶעלֶערְנְט אוּן הָאט אַ דִיפְּלָאם, זָאלְסְטוּ צוּלִיבּ דֶעם אָפְּזָאגְן דֶעם שִׁידוּךְ חַס וְשָׁלוֹם, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן חֲתוּנָה הָאבְּן, זָאלְסְטוּ יָא טוּן דֶעם שִׁידוּךְ, אִיךְ זָאג דִיר נָאר אַז עֶס אִיז בִּכְלָל נִישְׁט קַיין מַעֲלָה, נִישְׁט דָאס זָאל דִיר אוֹיסְמַאכְן בַּיים שִׁידוּךְ. אַז זִי קֶען אַבִּיסְל קָאכְן, אַבִּיסְל צוּזַאמְנֶעמֶען דִי הוֹיז אִיז דָאס שׁוֹין אִיבֶּערְגֶענוּג, וַוייל עֶסְן קֶען מֶען זִיךְ שַׁאפְן אַלֵיינְס, אַלֶעס קֶען מֶען אַלֵיינְס מְסַדֵר זַיין, נָאר מֶען דַארְף זֶען אַז דָאס מֵיידְל זָאל זַיין עֶרְלִיךְ אוּן ווִילְן אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּב.

## מְחוּתָּנִים וָואס זֶענֶען כָּל כּוּלוֹ הֲפָּצָה

אִיךְ בִּין זַייעֶר פְרֵיילִיךְ אַז אִיךְ הָאבּ גֶעטְרָאפְן אַ בָּחוּר וָואס קוּמְט פוּן זַייעֶר אַ חָשׁוּבְ'עֶ מִשְׁפָּחָה, אַ מִשְׁפָּחָה וָואס לֶעבְּט מִיטְ'ן רֶבִּי'ן, דִי עֶלְטֶערְן זַיינֶע זֶענֶען גְרוֹיסֶע מֵפִיצִים, שׁוֹין צֶענְדְלִיגֶער יָאר וָואס זֵיי פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת, בַּיי מִיר אִיז דָאס דֶער גְרֶעסְטֶער גֶעוִוינְס. בַּיי אֵיינֶעם אִיז חָשׁוּב גֶעלְט, מֶען זוּכְט בַּיי שִׁידוּכִים אַ גֶעלְט מִשְׁפָּחָה; בַּיי אֵיינֶעם אִיז חָשׁוּב כָּבוֹד, מֶען זוּכְט אֲנָשִׁים מְכֻבָּדִים; בַּיי אֵיינֶעם אִיז חָשׁוּב צוּ זַיין אַ רֶבִּי וְכַדוֹמֶה, בַּיי מִיר אִיז דָאס גְרֶעסְטֶער כָּבוֹד, זִיךְ מְשַׁדֵךְ זַיין מִיט אַ מִשְׁפָּחָה וָואס זַייעֶר גַאנְצֶע תַּכְלִית אִין צִיל אִיז אֵיין זַאךְ, לְאוּקְמָא שְׁכִינְתָּא מֵעַפְרָא, אוֹיפְהֵייבְּן דִי שְׁכִינָה הַקְדוֹשָׁה פוּן דֶער עֶרְד, אַרַיין צוּ שַׁיינֶען דִי רֵיינֶע אֱמוּנָה אִין אִידִישֶׁע נְפָשׁוֹת, לְהַשְׁקוֹת צְמֵאֵי חַסְדֶךְ מִנַחַל נוֹבֵעַ. בָּרוּךְ הַשֵׁם מַיין גַאנְצֶע שְׁטוּבּ אִיז אוֹיף דֶעם גַאנְג, 'וָואס נָאךְ קֶען מֶען טוּן פַאר אַ צְוֵוייטְן אִיד?' אוּן אַלֶע מַיינֶע מְחוּתָּנִים בִּיז אַהֶער זֶענֶען כָּל כּוּלוֹ הֲפָּצָה.

אַזַא שִׁידוּךְ הָאבּ אִיךְ גֶעזוּכְט, אַ בָּחוּר וָואס קוּמְט פוּן אַ שְׁטוּבּ וָואס דִי עֶלְטֶערְן לֶעבְּן מִיט אֱמוּנַת צַדִיקִים, אַלֶעס דְרֵייְדְט זִיךְ אַרוּם 'הֲפָּצָה', אַלֶעס דְרֵייְדְט זִיךְ מִיטְ'ן רֶבִּי'נְס לִימוּדִים. אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁמוּעֶסְט מִיט מַיין וַוייבּ מִיט וֶועלְכֶע סָארְט מִשְׁפָּחָה עֶס אִיז גוּט זִיךְ צוּ מְשַׁדֵךְ זַיין, צִי עֶס אִיז כְּדַאי זִיךְ צוּ מְשַׁדֵךְ זַיין מִיט אַ מִשְׁפָּחָה וָואס אִיז פַארְנוּמֶען צוּ אַיינְפְלַאנְצְן בְּלוּמֶען אוּן בֵּיימֶעלֶעךְ פָארְנְט פוּן דִי הוֹיז; עֶנְדֶערְשׁ וֶועל אִיךְ זִיךְ מְשַׁדֵךְ זַיין מִיט אֵיינֶעם וָואס פְלַאנְצְט שֵׁיינֶע פֵּירוֹת אִינְדֶערְהֵיים, עֶלְטֶערְן וָואס צִיעֶן אוֹיף שֵׁיינֶע דוֹרוֹת; דִי גַאנְצֶע שְׁטוּבּ אִיז גֶעבּוֹיט אוֹיף צַדִיקִים".

אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט פַאר אַ אִינְגֶערְמַאן וָואס וואוֹינְט אִין שְׁטֶעטְל, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב - לִיבֶּערְטִי יע"א: אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ הַשֵׁם אַ גַאנְצֶע שְׁטוּבּ מִיט קִינְדֶער, אִיךְ טְרַאכְט שׁוֹין מִיט וֶועמֶען אִיךְ זָאל זִיךְ מְשַׁדֵךְ זַיין מִיט מַיין אַנְדֶערֶער זוּן אַ חָשׁוּבְ'עֶר בָּחוּר גֵרוֹ יָאִיר; אִיךְ

וֵייס דו הָאסְט אַ חָשׁוּבֿ'עָ טָאכְטֶער אִיךְ הֶער גוּטֶע גְרִיסְן אוֹיף אִיר, בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז אַלֶע מֵיידְלֶעךְ וָואס לֶערְנֶען אִין סְקוּל זֶענֶען וואוֹיל אוּן פֵיין, אָבֶער אִיךְ קוּק אוֹיךְ אוֹיף דִי שְׁטוּבּ פוּן וואוּ דָאס מֵיידְל קוּמְט, אִיךְ וִויל זַיין בַּאקְוֶועם אַרַיינְצוּלֵייגְן מַיין זוּן אִין דֶעם שְׁטוּבּ; אַ שְׁטוּבּ וָואס מֶען אִיז שְׁטֶענְדִיג פַארְנוּמֶען 'וֶועלְכֶע פֶענְסְטֶער צוּ לֵייגְן' אוּן יֶעדְן טָאג בּוֹיעְט מֶען אִיבֶּער דִי הוֹיז - אִין אַזַא הוֹיז וִויל אִיךְ נִישְׁט לֵייגְן מַיין זוּן, אִיךְ זוּךְ אַ שְׁטוּבּ וָואס לֶעבְּט מִיטְ'ן רֶבִּי'ן, דֶער טַאטֶע לֵייגְט אַרַיין דֶעם רֶבִּי'ן אִין שְׁטוּבּ, מֶען לֶעבְּט מִיט מַעֲשִׂיּוֹת פוּן תְּפִלָּה, מֶען רֶעדְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן פוּן צַדִּיקִים.

בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז מִיר זֶענֶען מְקוּרָב צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף דִי וֶועג וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט; מֶען זֶעט, אַלֶע צַדִּיקִים הָאבְּן אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן סְפָרִים אוּן יֶעדֶער אֵיינֶער רֶעדְט פוּן גֶעוִויסֶע עִנְיָנִים, יֶעדֶע צַדִּיק אוֹיף זַיין וֶועג, אָבֶער עֶס אִיז כִּמְעַט נִישְׁט דָא אַ צַדִּיק וָואס הָאט גֶערֶעדְט פוּן אַלֶע סָארְט עִנְיָנִים אוּן נוֹשְׂאִים; מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן סְפָרִים אוֹיף יֶעדֶע אֵיינְצִיגְסְטֶע נוֹשֵׂא וָואס אִיז פַארְהַאן אוֹיף דִי וֶועלְט, צוּם בֵּיישְׁפִּיל, מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעשְׁרִיבְּן אַ קוּנְטְרֵס מִיט חִיזּוּק פַאר אַ קְרַאנְקְן-שְׁוֶועסְטֶער (נוּרְס) אִין שְׁפִּיטָאל; פַאר אֵיינֶער וָואס הָאט זִיךְ צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּ דְרָאגְס; פַאר אֵיינֶער וָואס אִיז הָאט זִיךְ צוּגֶעוואוֹינְט צוּ טְרִינְקֶען אַלְקָאהָאל; פַאר אִידְן אִין תְּפִיסָה; פַאר דִי וָואס דְרֵייוְון אַ קַאר; אָפְּגֶערֶעדְט פוּן דִי אַקְטוּעֶלֶע עִנְיָנִים וִוי אֱמוּנָה, קְדוּשָּׁה, חִינוּךְ, שָׁלוֹם בַּיִת, סַבְלָנוּת וְכוּ' וְכוּ', עֶס אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ אוֹיסְצוּרֶעכֶענֶען אַלֶע עִנְיָנִים, - אוֹיף דֶעם הָאט מוֹהֲרָא"שׁ גֶעשְׁרִיבְּן אָן אַ שִׁיעוּר סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים; דַארְפְן מִיר זֶען צוּ פָאלְגְן דֶעם צַדִּיק, אוּן זִיךְ נִישְׁט הַאלְטְן קְלוּגֶער פוּן אִים.

## שְׁמִירַת עֵינַיִם

מִיר שְׁטֵייעֶן יֶעצְט אִינְמִיטְן דֶעם זוּמֶער, וֶוען דִי נִסְיוֹנוֹת אִין גַאס אִין 'שְׁמִירַת עֵינַיִם' אִיז גָאר שְׁוֶוער, אֲפִילוּ גֵייעֶנְדִיג בְּלוֹיז פוּן דִי הוֹיז בִּיז צוּם בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אִיז אוֹיךְ מוֹרָא'דִיג שְׁוֶוער, מֶען דַארְף אַסַאךְ רַחֲמֵי שָׁמַיִם מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן רֵיינֶע אוֹיגְן; אוֹיף דֶעם אִיז נִישְׁט דָא קַיין שׁוּם עֵצָה, נָאר דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת - שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, רַאטֶעוֶוע מִיר! אִיךְ וֶוער פַארְבְּרֶענְט פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע! אִיךְ קוּק וואוּ מֶען טָאר נִישְׁט, אִיךְ מוּז קוּקְן אוֹיף יֶעדֶע פְרוֹי אוּן מֵיידְל, רַאטֶעוֶוע מִיר פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע וָואס וִויל מִיר אוֹיסְרַייסְן פוּן דִי וֶועלְט אוּן פוּן יֶענֶע וֶועלְט וְכוּ', וְכוּ'"; אַז דוּ וֶועסְט אַזוֹי שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועסְטוּ נִיצוֹל וֶוערְן פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע.

## דֶער יֵצֶר הָרָע אִיז גְרֵייט אַלֶעס נָאכְצוּגֶעבְּן

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן שְׁרַייבְּט (שִׁבְחֵי הָרַ"ן, סִימָן טז) אִיבֶּער דָאס גְרוֹיס קְדוּשָּׁה צוּ וָואס דֶער רֶבִּי הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען: "אֲבָל גַּם קֹדֶם שֶׁזָּכָה לָזֶה שֶׁיִּתְבַּטֵּל וְיִהְיֶה נִמְאָס אֶצְלוֹ לְגַמְרֵי הַתַּאֲוָה הַזֹּאת, גַּם קֹדֶם לָזֶה", אֵיידֶער עֶר אִיז גֶעוָוארְן אַזוֹי שְׁטַארְק הֵיילִיג אוּן אוֹיסְגֶעאַרְבֶּעט אַז עֶר הָאט זִיךְ מַמָּשׁ פַארְ'מִיאוּסְ'ט פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע תַּאֲווֹת, "גַּם אָז הָיוּ לוֹ כַּמָּה וְכַמָּה נִסְיוֹנוֹת גְּדוֹלוֹת וְנוֹרָאוֹת מְאֹד בְּתַאֲוָה זוֹ, אֲשֶׁר אִי-אֶפְשָׁר לְבָאֵר בִּפְרָט", הָאט עֶר גֶעהַאט זֵייעֶר אַסַאךְ שְׁוֶוערֶע גְרוֹיסֶע נִסְיוֹנוֹת אִין קְדוּשָּׁה, וָואס מֶען קֶען גָארְנִישְׁט אוֹיסְרֶעכֶענֶען. "כִּי בִּימֵי נְעוּרָיו מַמָּשׁ, בְּעֵת רְתִיחַת הַדָּמִים", אִין זַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן, וֶוען דִי בְּלוּט קָאכְט אִינֶעם מֶענְטְשׁ, "הָיָה לוֹ כַּמָּה וְכַמָּה נִסְיוֹנוֹת גְּדוֹלוֹת שֶׁל תַּאֲוָה זוֹ, עַד אֵין מִסְפָּר, אֲשֶׁר הָיָה בְּיָדוֹ לְמַלֹּאת תַּאֲוָתוֹ וְהָיָה בְּסַכָּנָה גְּדוֹלָה מְאֹד מְאֹד", הָאט עֶר גֶעהַאט פִילֶע נִסְיוֹנוֹת, אוּן עֶר וָואלְט גֶעקֶענְט זִיךְ נָאכְגֶעבְּן דִי תַּאֲווֹת אַסַאךְ מָאל, אוּן דַאן אִיז עֶר גֶעוֶוען אִין אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה נִישְׁט אַרַיינְצוּפַאלְן אִין דִי הֶענְט פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע, "אַךְ הָיָה גִּבּוֹר חָזָק וְהִתְגַּבֵּר עַל יִצְרוֹ וְכָפָה תַּאֲוָתוֹ כַּמָּה וְכַמָּה פְּעָמִים", פוּן דֶעסְט וֶועגְן הָאט עֶר זִיךְ גֶעהַאלְטְן זֵייעֶר שְׁטַארְק, אוּן מִיט גְרוֹיס גְבוּרָה אִיז עֶר בֵּייגֶעשְׁטַאנֶען אַלֶע נִסְיוֹנוֹת, עֶר הָאט זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט אִיבֶּערְ'ן יֵצֶר הָרָע אוּן זִיךְ צֶעבְּרָאכְן דִי תַּאֲווֹת אֵיינְמָאל אוּן נָאכְאַמָאל.

רֶבִּי נָתָן שְׁרַייבְּט וַוייטֶער: "וְאָמַר: שֶׁהַבַּעַל-דָּבָר רָצָה לְהַנִּיחַ לוֹ הַכֹּל רַק שֶׁהוּא יְוַתֵּר לוֹ דָּבָר אֶחָד. וְהוּא אָמַר - לְהִפּוּךְ! שֶׁהוּא יַנִּיחַ הַכֹּל, רַק אוֹתוֹ הַדָּבָר אֵינוֹ רוֹצֶה לְהַנִּיחַ מִלְּשַׁבְּרוֹ", דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז דֶער יֵצֶר הָרָע אִיז גְרֵייט גֶעוֶוען אִים אַלֶעס נָאכְצוּגֶעבְּן, אַבִּי עֶר זָאל נָאכְגֶעבְּן פַארְ'ן יֵצֶר הָרָע נָאר אֵיין זַאךְ, אָבֶער עֶר הָאט גֶעזָאגְט פוּנְקְט פַארְקֶערְט, אַז עֶר אִיז גְרֵייט אַלֶעס אָפְּצוּלָאזְן, אוּן נָאר דַוְקָא אִין דִי זַאךְ וֶועט עֶר אַרַיינְלֵייגְן אַלֶע כֹּחוֹת זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן אוּן עֶס אוֹיסְאַרְבֶּעטְן. "דְּהַיְנוּ שֶׁהַבַּעַל דָּבָר הָיָה מְרֻצֶּה לְהַנִּיחַ לוֹ שֶׁיְּשַׁבֵּר כָּל הַתַּאֲווֹת רַק שֶׁהוּא יְוַתֵּר לוֹ דָּבָר אֶחָד מִן הַסְּתָם הַיְנוּ הַתַּאֲוָה הַכְּלָלִית הַנַּ"ל, שֶׁעִקַּר הַיֵּצֶר הָרָע הוּא בְּתַאֲוָה זוֹ", דָאס מֵיינְט אַז דֶער יֵצֶר הָרָע הָאט גֶעקֶענְט בַּאשְׁטֵיין עֶר זָאל זִיךְ אוֹיסְאַרְבֶּעטְן אִין אַלֶע מִדּוֹת אוּן תַּאֲווֹת, נָאר עֶר זָאל מְוַותֵּר זַיין אוֹיף אֵיין זַאךְ, וַוארְשֵׁיינְלִיךְ אוֹיף דִי וִויכְטִיגְסְטֶע זַאךְ - אוֹיף קְדוּשָּׁה - וָואס דָאס אִיז דֶער יְסוֹד פוּן אַ אִיד. "אֲבָל הוּא זַ"ל אָמַר לְהֵפֶךְ - שֶׁהוּא יַנִּיחַ לוֹ הַכֹּל לִבְלִי לְשַׁבְּרוֹ, רַק זֹאת הַתַּאֲוָה רוֹצֶה לְשַׁבְּרָהּ לְגַמְרֵי", אָדֶער דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַארְקֶערְט, עֶר וֶועט אַלֶעס נָאכְגֶעבְּן, אָבֶער אִין קְדוּשָּׁה וֶועט עֶר זִיךְ אוֹיסְאַרְבֶּעטְן אוֹיפְ'ן שטערקסטן אוֹיפְן.

"וְכֵן הָיָה נוֹהֵג מִתְּחִלָּה", אוּן אַזוֹי הָאט עֶר זִיךְ טַאקֶע גֶעפִירְט אִין אָנְהֵייבּ, "שֶׁכָּל מְגַמָּתוֹ וְכָל יְגִיעָתוֹ הָיוּ רַק לְשַׁבֵּר בָּרִאשׁוֹנָה הַתַּאֲוָה הַכְּלָלִית הַזֹּאת", אַלֶע זַיינֶע כֹּחוֹת הָאט עֶר אַרַיינְגֶעלֵייגְט נָאר אִין דֶעם, צוּ צֶעבְּרֶעכְן זַיין יֵצֶר הָרָע, זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן אוֹיף אַלֶע נִסְיוֹנוֹת אִין קְדוּשָּׁה, אוּן עֶר הָאט בִּכְלַל נִישְׁט גֶעקוּקְט אוֹיף אַנְדֶערֶע תַּאֲווֹת, צוּ אַרְבֶּעטְן זֵיי צוּ צֶעבְּרֶעכְן. "וְלֹא הָיָה מַשְׁגִּיחַ כְּלָל בִּתְחִלָּה לְשַׁבֵּר תַּאֲוַת אֲכִילָה", צוּם בֵּיישְׁפִּיל, אוֹיף תַּאֲווֹת אֲכִילָה הָאט עֶר בִּכְלַל נִישְׁט גֶעקוּקְט דֶעמָאלְט, "רַק אַדְּרַבָּא", פַארְקֶערְט, "בִּתְחִלָּה הָיָה אוֹכֵל הַרְבֵּה מְאֹד מְאֹד, הַרְבֵּה יוֹתֵר מִשְּׁאָר בְּנֵי־אָדָם, עֶר פְלֶעגְט עֶסְן זֵייעֶר אַסַאךְ, פִיל מֶער וִוי אַ גֶעוֶוענְלִיכֶער מֶענְטְשׁ עֶסְט, "וְאָמַר שֶׁאָז הָיָה מַמְשִׁיךְ כָּל הַתַּאֲווֹת לְתוֹךְ תַּאֲוַת אֲכִילָה, וְאַחַר־כָּךְ שִׁבֵּר גַּם זֹאת הַתַּאֲוָה שֶׁל אֲכִילָה", עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶר הָאט דֶעמָאלְט מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען אַלֶע תַּאֲווֹת אַרַיין אִין תַּאֲווֹת אֲכִילָה, אָבֶער צוּם סוֹף הָאט עֶר זִיךְ אוֹיסְגֶעאַרְבֶּעט אוֹיךְ אִין תַּאֲווֹת אֲכִילָה.

שְׁרַייבְּט רֶבִּי נָתָן וַוייטֶער: דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר אַסַאךְ זִיךְ גֶעפְּלָאגְט אוּן גֶעאַרְבֶּעט, מִיט גְרוֹיסֶע מִלְחָמוֹת אוּן נִסְיוֹנוֹת אָן אַ צָאל, בִּיז עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען זִיךְ אִינְגַאנְצְן זִיךְ אוֹיסְצוּאַרְבֶּעטְן. אַסַאךְ תְּפִלּוֹת אוּן בְּכִיּוֹת הָאט עֶר פַארְגָאסְן, עֶר הָאט אַסַאךְ גֶערֶעדְט אוּן גֶעבֶּעטְן אוּן גֶעמוּטְשֶׁעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר הָאט אַסַאךְ זִיךְ אוֹיסְגֶעגָאסְן דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן גֶעוֵויינְט צוּ אִים, עֶר הָאט זִיךְ גֶעבֶּעטְן אוּן גֶע'טַעֲנָה'ט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל אִים הֶעלְפְן גֶערַאטֶעוֶועט צוּ וֶוערְן פוּן דִי שְׁלֶעכְטֶע תַּאֲווֹת אוּן עֲבֵירוֹת, עֶר זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אֱמֶתְ'דִיג הֵיילִיג אוּן עֶרְלִיךְ, מִיט אַ גְרוֹיסֶע קְדוּשָּׁה. בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעהָאלְפְן

אַז עֶר הָאט צוּם סוֹף זוֹכֶה גֶעוֶוען בַּייצוּשְׁטֵיין אַלֶע נִסְיוֹנוֹת. עֶר הָאט זִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק אוֹיסְגֶעאַרְבֶּעט, אַז עֶס אִיז אִים שׁוֹין דַאן גֶעוֶוען אַ וואוּנְדֶער אוֹיף אֵיינֶעם וָואס זָאגְט אַז עֶס אִיז שְׁוֶוער צוּ צֶעבְּרֶעכְן דִי שְׁלֶעכְטֶע תַּאֲוות, וַוייל דֶעמָאלְט הָאט עֶר שׁוֹין גֶעזָאגְט אַז עֶס אִיז בִּכְלַל נִישְׁט דָא קַיין תַּאֲוָה, עַיֵּין שָׁם.

דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז דֶערְצֵיילְט דֶעם סוֹד וִוי אַזוֹי עֶר אִיז בַּייגֶעשְׁטַאנֶען אַלֶע זַיינֶע שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת אִין קְדוּשָּׁה, אַז עֶר הָאט אַסַאךְ גֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל אִים הֶעלְפְן גֶערַאטֶעוֶועט צוּ וֶוערְן פוּן דִי שְׁלֶעכְטֶע תַּאֲוות אוּן עֲבֵירוֹת, עֶר זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אֶמֶת'דִיג הֵיילִיג אוּן עֶרְלִיךְ, בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעהָאלְפְן אַז עֶר הָאט צוּם סוֹף זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ וֶוערְן אִינְגַאנְצְן אוֹיסְגֶעאַרְבֶּעט אִין קְדוּשָּׁה; לָאמִיר דָאס נָאכְטוּן, לָאמִיר אוֹיךְ גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִים בֶּעטְן מִיר זָאלְן זִיךְ קֶענֶען שְׁטַארְקְן אוֹיף אוּנְזֶערֶע שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת אִין קְדוּשָּׁה, מֶען זָאל נִישְׁט פַארְבְּרֶענְט וֶוערְן פוּן דֶעם יֵצֶר הָרָע וָואס פְּרוּבִּירְט אוֹיף אַלֶע וֶועגְן אַרָאפּ צוּ וַוארְפְן דֶעם מֶענְטְשׁ אִין עֲבֵירוֹת, עֶר זָאל זִיךְ נִישְׁט הִיטְן דִי אוֹיגְן רַחֲמָנָא לִצְלָן; מִיט אַסַאךְ תְּפִלָּה וֶועלְן מִיר זוֹכֶה זַיין צוּ בַּאקוּמֶען רֵיינֶע אוֹיגְן, אוֹיגְן וָואס קוּקְט נָאר וואוּ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטְן ווִיל.

אִיךְ מוּז עֶנְק דֶערְצֵיילְן אַ מַעֲשֶׂה וָואס הָאט הַיינְט פַּאסִירְט; אֵיינֶער פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הָאט מִיר גֶעזָאגְט, עֶר ווִיל זֵייעֶר שְׁטַארְק זַיין בְּמֶשֶׁךְ דִי זוּמֶער וָואכְן אוֹיף דִי קֶעטְסְקִילְס בֶּערְג, אָבֶּער זַיין וַוייבּ ווִיל דַוְקָא זַיין אִין אַ קָאנְטְרִי נִישְׁט אִין שְׁטֶעטְל, אוּן אַזוֹי ווִי הַיי יָאר הָאבְּן מִיר נִישְׁט אַרוֹיסְגֶענוּמֶען אַ קֶעמְפּ פַאר דִי בָּחוּרִים, הָאבְּן מִיר נִישְׁט קַיין קָאנְטְרִי פַאר דִי מִשְׁפָּחוֹת פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ.

הַיינְט אִינְדֶערְפְרִי פַארְ'ן דַאוֶונֶען בִּין אִיךְ צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ דֶעם אִינְגֶערְמַאן אוּן גֶעזָאגְט אַז אִיךְ הָאבּ זִיךְ דֶערְמַאנְט אַז אִין דִי מֵיידְל קֶעמְפּ אִיז דָא אֵיין אִיבְּרִיגֶע בָּאנְגֶעלָאוֹ, אוֹיבּ עֶר ווִיל קֶען עֶר עֶס נֶעמֶען. זָאגְט מִיר דֶער אִינְגֶערְמַאן: "רֹאשׁ יְשִׁיבָה, עֶס אִיז מַמָּשׁ וואוּנְדֶערְלִיךְ ווִי שְׁטַארְק דִי כֹּחַ פוּן תְּפִלָּה אִיז, הַיינְט אִינְדֶערְפְרִי בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען 'הִתְבּוֹדְדוּת' זִיךְ אוֹיסְוֵויינֶען מַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן ווִי שְׁטַארְק אִיךְ ווִיל זַיין דֶעם זוּמֶער אוֹיף דִי קֶעטְסְקִילְס בֶּערְג, אוּן מַיין וַוייבּ ווִיל נָאר גֵיין אִין אַ קָאנְטְרִי נִישְׁט אִין שְׁטֶעטְל, הָאבּ אִיךְ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: 'הֶעלְף מִיר בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ זָאל טְרֶעפְן אַ קָאנְטְרִי וואוּ צוּ גֵיין', אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר אַזוֹי שְׁנֶעל גֶעהָאלְפְן אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה אִיז צוּגֶעקוּמֶען צוּ מִיר אוּן פָארְגֶעלֵייגְט אַ גוּטֶע פְּלַאן פוּן אַ בָּאנְגֶעלָאוֹ אִין אַ קֶעמְפּ!" הָאבּ אִיךְ אִים גֶעזָאגְט: דָאס מוּז טַאקֶע זַיין בִּזְכוּת דַיינֶע פִילֶע תְּפִלּוֹת, וַוייל דָאס וָואס אִיךְ הָאבּ יֶעצְט גֶעטוּן אַז אִיךְ בִּין צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ דִיר פָארְלֵייגְן דֶעם בָּאנְגֶעלָאוֹ, אִיז אַ זַאךְ וָואס אִיךְ טוּ קֵיינְמָאל נִישְׁט, אִיךְ זָאל שַׁבָּת צוּגֵיין צוּ אֵיינֶעם רֶעדְן פוּן בָּאנְגֶעלָאוּס, דָאס אִיז דָאךְ אַ וָואכֶענְדִיגֶע זַאךְ, פוּן מְסַדֵּר זַיין דִי קֶעמְפּ, אוּן אֲפִילוּ אוֹיבּ אִיךְ טְרַאכְט שׁוֹין יָא אַמָאל דֶערְפוּן אוּם שַׁבָּת, טוּ אִיךְ אָבֶּער קֵיינְמָאל גָארְנִישְׁט אוֹיף לְמַעֲשֶׂה צוּ רֶעדְן דֶערְפוּן, זֶעט זִיךְ אָבֶּער אוֹיס אַז דַיינֶע תְּפִלּוֹת הָאבְּן דָאס גֶע'פּוֹעֶל'ט, דוּ זָאלְסְט הָאבְּן אַ פְרֵיילִיכֶע שַׁבָּת, זָאלְסְט זַיין רוּאִיג אַז דוּ וֶועסְט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף קֶענֶען זַיין דֶעם זוּמֶער אוֹיף דִי קֶעטְסְקִילְס בֶּערְג.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן וֶועלְן מִיר הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן, אָמֵן.

אוֹיגְן אִין גַאס וֶוערְט אַ גְרִינְגֶע זַאךְ צוּ טוּן.

אַלֶע צָרוֹת הֵייבְּן זִיךְ אָן מִיט דֶעם אַז מֶען קוּקְט אוֹיף נִישְׁט גוּטֶע זַאכְן רַחֲמָנָא לִצְלָן, אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בַּמִּדְבָּר רַבָּה ב, י): "עֵינָא וְלִבָּא, תְּרֵי סַרְסוּרֵי דַּחֲטָאָה אִינוּן", דִי אוֹיגְן אוּן הַארְץ זֶענֶען דִי מֶעקְלֶערְס פַארְ'ן יֵצֶר הָרָע, דָאס מַאכְט מֶען זָאל אַרָאפְּפַאלְן אִין עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן.

לֵיידֶער הָאבְּן מִיר הַיינְט אַ צָרָה צְרוּרָה, מֶען דַארְף מֶען שׁוֹין נִישְׁט גֵיין אִין גַאס צוּ קוּקְן עֲבֵירוֹת, דוּ קֶענְסְט הָאבְּן בַּי זִיךְ אִין טַאשׁ אַ טֶעלֶעפָאוֹן, אוּן עֶס דַארְף שׁוֹין נִישְׁט זַיין אַ גְרוֹיסֶע טֶעלֶעפָאן, עֶס קֶען זַיין גָאר אַ קְלֵיינֶע טֶעלֶעפָאוֹן, עֶס קֶען זַיין אַ פְּלִי"פָאוֹ"ן, אוּן דוּ וֶוערְסְט פַארְבְּרֶענְט פוּן דִי שְׁמוּץ וָואס מֶען זֶעט דָארְט רַחֲמָנָא לִצְלָן.

## וָואס אִיז דִי עֵצָה?

וָואס אִיז דִי עֵצָה צוּ הָאבְּן כֹּחַ זִיךְ קֶענֶען צוּרִיק הַאלְטְן פוּן קוּקְן נִישְׁט גוּטֶע זַאכְן? לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה! דִי תּוֹרָה גֶעבְּט כֹּחַ פַאר אַ מֶענְטְשׁ זִיךְ צוּ קֶענֶען שְׁלָאגְן מִיטְ'ן יֵצֶר הָרָע.

אִיךְ בִּין עֶנְק אַזוֹי מְקַנֵּא אַז עֶטְץ וֵוייסְט פוּנֶעם 'סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד' (עַיֵּין בַּאֲרִיכוּת בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו), אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעוואוּסְט אַלְס קִינְד פוּנֶעם 'סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד', אַלְס קִינְד הָאבּ אִיךְ גֶעבְּרֶענְט צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט לֶערְנֶען, אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט עֶנְדִיגְן שַׁ"ס, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעוואוּסְט ווִי אַזוֹי מֶען טוּט דָאס, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעהַאט קַיין גֶעדוּלְד צוּ פַארְשְׁטֵיין דָאס לֶערְנֶען, אִיךְ הָאבּ פְּרוּבִּירְט דֶער מַסֶכְתָּא אוּן דֶער מַסֶכְתָּא... וֶוען אִיךְ זָאל וֶוען ווִיסְן אַלְס קִינְד, אַלְס בָּחוּר, פוּנֶעם 'סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד', וָואלְט אִיךְ וֶוען גֶעלֶערְנְט!

דוּ וֵוייסְט ווִי שְׁטַארְק אִיךְ בִּין דִיר מְקַנֵּא, וֶוען אִיךְ וָואלְט וֶוען גֶעוואוּסְט אַלְס בָּחוּר פוּנֶעם 'סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד' וָואלְט אִיךְ גֶעזִיצְן בַּיי אַ ווִינְקְל אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ מִיט אַ הוֹיפְן סְפָרִים אוּן אִיךְ וָואלְט גֶעלֶערְנְט אוּן גֶעלֶערְנְט, אַזוֹי ווִי אִיךְ טוּ יֶעצְט, נָאר יֶעצְט שְׁטֶערְט מֶען מִיר פוּן לֶערְנֶען, אִיךְ דַארְף רֶעדְן מִיט מֶענְטְשְׁן, דֶער דַארְף אַ עֵצָה, דֶער דַארְף שָׁלוֹם בַּיִת, מֶען לָאזְט מִיר נִישְׁט לֶעבְּן, וֶוען אִיךְ קֶען וֶוען נֶעמֶען אַבִּיסְל וַואקַאצִיֶע וָואלְט אִיךְ גָארְנִישְׁט מִיטְגֶענוּמֶען, נָאר אַ הוֹיפְן סְפָרִים, אַ מִשְׁנַיּוֹת אוּן אַ גְמָרָא, מַמָּשׁ אַ מְחַיֶּה!

## שְׁטֵיין אִין אַ פַאבְּרִיק פַאר זִיבֶּעצִיג יָאר...

טֵייעֶרֶע בָּחוּרִים, יֶעצְט אִיז דָאךְ עֶנְקֶער שֶׁענְסְטֶע צַייט; נָאךְ אַבִּיסְל וֶועסְטוּ דַארְפְן שְׁטֵיין אִין אַ פַאבְּרִיק אוּן רֶעדְן צוּ מֶענְטְשְׁן פַאר זִיבֶּעצִיג יָאר... יֶעצְט שְׁטֶערְט דִיר קֵיינֶער נִישְׁט, הָאסְט גָארְנִישְׁט מִיט קֵיינֶעם, זִיץ אוֹיף דַיין פְּלַאץ אוּן זִינְג זִיךְ דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי גְמָרָא, [זִינְג עֶס אוֹיף דִי 'גְמָרָא נִיגוּן', ווִי אַזוֹי מֶען זִינְגְט: "תָּנוּ רַבָּנָן..."].

## עֶס אִיז דָא אַ סְגוּלָה

עֶס אִיז אַ מְחַיֶּה אַז מֶען לֶערְנְט אַבִּיסְל גְמָרָא; נָאר דָאס בִּיסְל וָואס מֶען לֶערְנְט - דָאס הַאלְט דֶעם מֶענְטְשׁ עֶר זִיךְ קֶענֶען שְׁטַארְקְן אוֹיפְ'ן יֵצֶר הָרָע, עֶס אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ קֶענֶען קְרִיגְן מִיט נִסְיוֹנוֹת, אַ מֶענְטְשׁ קֶען זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן מִיט אַ מַלְאָךְ, עֶס אִיז פֵייעֶרְדִיגֶע נִסְיוֹנוֹת, אִין אֵיין סְקוּנְדֶע קֶען מֶען פַארְבְּרֶענְט וֶוערְן פוּן דִי נִסְיוֹנוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן, אַ מֶענְטְשׁ פַארְלִירְט זִיךְ אוּן מַאכְט אַ נִישְׁט גוּטֶע חֶשְׁבּוֹן אוּן גֵייט טוּן אַן עֲבֵירָה הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ; אָבֶּער עֶס אִיז דָא אַ סְגוּלָה, 'אִיךְ' קֶען זִיךְ טַאקֶע נִישְׁט קְרִיגְן מִיטְ'ן יֵצֶר הָרָע, אָבֶּער דִי 'גְמָרָא' הָאט דֶעם כֹּחַ זִיךְ צוּ קְרִיגְן מִיטְ'ן יֵצֶר הָרָע, דִי תּוֹרָה הִיט דֶעם מֶענְטְשׁ עֶר זָאל נִישְׁט אַרַיין פַאלְן אִין זַיינֶע הֶענְט, אוּן דִי תּוֹרָה בְּרֶענְגְט צוּרִיק דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן וואוּ עֶר אִיז אַוֶועק גֶעפַאלְן.